# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price
50 Cents a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. XXII, No. 1
SEPTEMBER, 1939

## ISRAEL, AWAKE!

## THE TRUMPETS SOON WILL BLOW!

**Your Rosh Hashana is not God's Rosh Hashana; your New Year is not God's New Year. You have mixed your dates, and you have confused God's Word.**

What and when is Rosh Hashana? This question we ask of every earnest truth-seeking Jew. Because if such a Jew will face the facts, he will discover, perhaps to his utter amazement, that when he observes the first day of Tishri and calls it "New Year" or "Rosh Hashana" he is making one of the greatest mistakes of all of his religious practices, and he is disobeying flagrantly God's commandment.

Tishri is the seventh month of the year, and not the first. Every intelligent Jew knows this. But when you ask him why he insists on calling the first day of Tishri New Year's day when Tishri is the seventh month of the year, you will find him speechless! Because, in truth, he has no answer. All he knows is that the rabbis told him so, and the rabbis' grandfathers told them so, and so on it goes back and back into the limbo of nebulous Fable. On such flimsy fabrics are built up so many practices of Jewish ritualism and ceremonial.

Now let us get at the facts:—the only place in T'Nach, our Jewish Old Testament, where Rosh Hashana is mentioned or spoken of, is Exod. 12:2. The verse reads:—

> "This month (Nisan) shall be unto you the beginning of months; it shall be the first month of the year to you."

The expression "first of the year" is in the Hebrew, **Rosh Chadashim,** which means "the head, the beginning, of the months." The remaining part of the verse says, "it shall be unto you the first of the months of the year." The word for first is **Rishon** which comes from the same stem as the word Rosh, and in each case the meaning is first, or head, or beginning. And so here we find the first and only mention in the Word of God about Rosh Hashana.

And here is the astonishing fact that we wish every Jewish reader to face:—that Rosh, or head or first month of the year, is Nisan, and not Tishri! Why then do the Jewish people fool themselves year after year by calling the first day of Tishri, Rosh Hashana? Ask the Rabbis!

### REDEMPTION IN NISAN

It was in the month of Nisan that God delivered our forefathers from the yoke of bondage in Egypt. It was on the 14th day of that month, on the stroke of midnight, that the angel of death passed through the land of Egypt, and smote all the first born of every home where the blood of the Passover Lamb had not been applied. Pharaoh, in great consternation and fright hurriedly sent for Moses and Aaron and beseeched them "Rise up, and get you forth from among my people . . . take your flocks and your herds . . . and be gone!"

And thus a new nation was born, the nation of Israel, which had literally been redeemed by the strong and mighty arm of God from the yoke of the Pharaohs; and that redemption had been brought about by blood. And it was only after such a redemption that God took the disorganized hordes of the Israelite tribes, and whipped them into the makings of a great and mighty nation and gave them His laws on Mt. Sinai. But notice that before He could do all these things, there had to be redemption first. And so you see what great importance God put upon such redemption when He told Moses so carefully and so distinctly "This month (Nisan) shall be unto you the beginning of months; it shall be the first month of the year to you." Exod. 12:2. Think therefore of the terrible wrong, that year after year, the rabbis have said to the Jews, "No, Nisan shall not be the first month of the year, but Tishri shall be the first month of the year!" Why have our Jewish leaders made such a stupid blunder? Why do they continue in that mistake?

### SATAN IS ENEMY TO GOD

The answer is to be found in just one word—Satan. This evil person has made it eternally his business to defy God, and to persuade the human race to disobey Him. He has tried to bring to naught all of God's plans and purposes. It is he, for instance, who is at the bottom of the present world wave of Jew-hate. God loves His Jewish nation, whom He has called His peculiar people, with an everlasting love, even though He is punishing us now for our sins; but Satan is persuading the nations of the world to hate the people whom God loves.

### THE TRUE TISHRI MEMORIAL

Now God has a purpose in the instructions He has given us concerning a special feast to be celebrated in the month of Tishri. God did really give us a holy celebration to be held in the month of Tishri, the 7th month of the year. **But, God did not call it New Year.** Here is the commandment itself, taken from Lev. 23:24:—

> "In the 7th month, in the first day of the month, shall ye have a Sabbath, a memorial of blowing of trumpets, a holy convocation."

Here then is the holy day for Tishri, the 7th month, not the first month. It is called "the feast of the blowing of trumpets." And now what is meant by the blowing of trumpets? What do such blowings signify? If we can understand the importance of the memorial itself, we will better understand the reasons why Satan has blinded our rabbis and whole Jewish nation these many years, that they should not know the truth.

### THE USE OF TRUMPETS

One does not need to go back into history very far, to understand the meaning of the blowing of trumpets. We can see such meaning and such practice even in the present day of civilization. Let us be at some great public meeting, where a distinguished statesman is to make the address, and what do we see and hear? Trumpets! Sometimes a whole battalion of trained trumpet blowers, or cornetists, will blast out the attention-compelling and air-piercing fanfare of trumpets; and suddenly appears on the scene the speaker or the event of the moment.

In old time Jewish practice, the blowing of trumpets was an important and fixed institution, and was used, first, for the calling together of special solemn assemblies; second, as signals for breaking up of the camp; third, as sound of alarm in time of danger; fourth, on such occasions as we are now considering, in the month of Tishri, when the trumpets were to be blown "over your burnt offerings, and over your sacrifices of peace offerings, **for a memorial before your God.**"

And this word memorial means a reminding of God of things yet to come. And indeed so it is in this very case of Tishri, for no sooner is God finished with telling us in Lev. 23:24 to keep the reminder to Him of the blowing of these trumpets, than the very next thing is that God tells us in the 27th verse, "to keep the day of atonement," the most solemn day for Jewry in all the year. This is the day when the Jewish nation must afflict its soul, and suffer great anguish of both body and soul, before God.

And so, in God's revelation to us of His program for the final redemption and establishing of the Jewish nation as His people, reigning once more in peace and blessing, in the land of Palestine, the land

**40 CTS. WORTH FOR 25 CTS.**

Send us 25¢ in coin or stamps and we will mail you a 40¢ New Testament in Hebrew, Yiddish or English.

Address:

THE SHEPHERD OF ISRAEL
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as Second Class Matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Accepted for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, act of October 3, 1917. Authorized December 30, 1937.

which God gave to our fathers, Abraham, Isaac and Jacob, He has given us this feast of the blowing of trumpets, always as a reminder that some day, and perhaps a great deal sooner than many of us now think possible, He is going to bring us back to the land of His promise, and there He will allow the whole nation to undergo the experiences of the day of Atonement. It is in that day that our nation will mourn, with deep heart affliction. In Zech. 12:10 God tells us about this terrible day of mourning, for we read as follows:—

"And I will pour upon the house of David, and upon the inhabitants of Jerusalem, the spirit of grace and of supplications; and they shall look upon me whom they have pierced, and they shall mourn for him, as one mourneth for his only son, and shall be in bitterness for him, as one that is in bitterness for his first-born."

And so here at last the secret is out—our Jewish nation will mourn because of having pierced the Lord Jesus Christ, God's only begotten Son. And here is also the secret exposed why Satan has been so busy blinding our leaders to the real meaning of the first day of the 7th month of the Jewish calendar, Tishri, the memorial of the Blowing of Trumpets, and not the New Year. Satan does not want our people to know the real meaning of the blowing of trumpets, he does not want us to know that such trumpets are going to usher in some day the great day of Jacob's trouble. But any Jew who will use the common sense God gave him, cannot possibly look around over the world today without realizing that things are pretty bad for the Jews, and the clouds are getting darker and darker every day. To smart Jewish leaders who lived in Jerusalem 1900 years ago, the Lord Jesus Christ said one day:—

"When it is evening, ye say it will be fair weather: for the sky is red. And in the morning it will be foul weather today for the sky is red and lowering. O ye hypocrites, ye can discern the face of the sky, but can ye not discern the signs of the times?" Matt. 16:2,3

Dear Jewish reader, will you not take this heart searching question and apply it to yourself in this tragic hour of Jewish history? May it not be possible that a Hitler with his hordes of Nazis frenzied with Jew-hate, a Roumania reeking with the blood of innocent Jews, a Russia, slowly exterminating every trace of Judaism in her borders, a whole world, indeed, suddenly on the hunt for the Jew, as a pack of dogs is on the hunt for the fox—may not these alarming events be as the Blowing of the Trumpets by God, Trumpets which fairly shriek, "Awake, oh Israel, Awake!" It is yet not too late for you to accept the salvation offered you through the Lord Jesus Christ, be truly born again as a child of God, and be an heir to eternal salvation and everlasting life. In this way only can you escape the terrible days of tribulation, and the time of Jacob's trouble, and the fulfillment of the omens of the day of Atonement, in your own life and experience. God has given you every possible sign and instruction. It is in your hands to say yes or no. What shall the answer be?

## WE ARE TWENTY TWO

As you can notice from our registry number, our monthly paper is now entering the 22nd year of its publication. We know that many of you are welcoming this paper as it comes to visit you month by month bringing glad tidings and good news of the redemption which we Jews should and must know about so urgently.

We thank God for every good thing that He has done for you, dear reader, through the SHEPHERD OF ISRAEL, both, for those who began to believe in the Lord Jesus Christ through reading the paper and also for those who will in God's good time come to the knowledge of our Messiah and be saved by Him through His precious blood.

The purpose of the SHEPHERD OF ISRAEL is threefold. It brings our people face to face with their Redeemer who was always their hope but whom, alas, they did not know these many centuries while He remained in obscurity in Jewish life. Secondly, the SHEPHERD OF ISRAEL helps to lift the veil from many eyes so that our people may see themselves as God pictures humanity, that is, "dead in trespasses and sins" and through this conviction be brought to faith in the Lord Jesus Christ who is able to deliver from sin as it is written by the prophet Isaiah, 'the LORD hath laid on Him the iniquity of us all" (Isa. 53). Thirdly, our little paper serves to lead our people out of that terrible 2000 year old error of still WAITING for the redemption which has already come so long ago.

The SHEPHERD OF ISRAEL has also served as a messenger of good will among the belivers of all nationalities and peoples in that it brought them closer to the heart of Israel, in love for God's chosen race from whom sprang, that is according to the flesh, the Lord Jesus Christ their Lord and Saviour as well as ours, and because they have come to love Him they are naturally drawn in love towards His people Israel.

God grant that the time should hasten when all Israel shall believe.

### WHERE YOU MAY OBTAIN THE SHEPHERD OF ISRAEL

UNITED STATES. New York: Headquarters Building, 27 Throop Avenue, Brooklyn, New York. Chicago, Ill.: 316 Stanley Pl., Rev. Solomon Birnbaum. Pittsburgh, Pa.: 1603 Centre Ave., Rev. John Solomon, Missionary. Philadelphia, Pa.: 717 Walnut St., Mr. Harry Burgen, Missionary. Buffalo, N. Y.: 206 North Park Ave., Rev. A. B. Machlin. Columbus, Ohio. 712 S. Hague Ave., Rev. Oscar Wago. Los Angeles, Calif.: 2005 Brooklyn Avenue, Rev. E. Zimmerman.

OVERSEAS. Sidney, Australia: 145 Commonwealth Street, Rev. G. E. Ardill. Warsaw, Poland: Targowa 15, M. 4. Rev. Moses Gitlin, Missionary. Jerusalem, Palestine: Gospel Gate, Russian Compound, Rev. Frank L. Boothby, Missionary. Paris, France: 123 Avenue du Maine, Rev. Henri Vincent.

## AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.

Original work established by Leopold Cohn in 1894



HEADQUARTERS BETH SAR SHALOM
Throop Avenue and Walton Street
Brooklyn, N. Y.

## INTERESTING TRACTS FOR OUR JEWISH READERS

If you are seeking the truth, and have difficulties in understanding such questions as the Trinity, the virgin birth of the Lord Jesus Christ, the fulfillment of our Old Testament prophecies in the Person of the Messiah, the reason why our Jewish nation is scattered and is persecuted, and many other such questions, may we state that we have prepared a comprehensive series of tracts written especially so that every Jew may easily read and easily understand. The list of tracts is as follows with price against each tract:—

| | |
|---|---|
| Behold a Virgin (Yiddish-English parallel) ... | $.05 |
| To Both the Houses of Israel (Yiddish-English parallel) .............. | .05 |
| Cain and Abel (Yiddish-English parallel) ...... | .05 |
| The Dialogue (Yiddish-English parallel) ...... | .05 |
| What is His Name? (Yiddish-English parallel). | .05 |
| The Voice that Crieth (Yiddish-English parallel) .............................. | .05 |
| The Messiah Shall Be Cut Off (Yiddish only) .. | .05 |
| The Holy Days (Yiddish only) ................ | .05 |
| I Daniel Understood by Books (English only) .. | .05 |
| What is a Christian? (English or Yiddish) .... | .02 |
| Was Abraham a Jew? (English or Yiddish) .... | .02 |
| Son, Remember (English or Yiddish) ......... | .02 |
| How Many Times Have You Been Born? (English or Yiddish) .................. | .02 |
| Do Christians Worship Three Gods? (English or Yiddish) .................. | .05 |
| Don't Go to Jerusalem (English only) ........ | .02 |
| A Modern Jew Looks at Jesus (English only) | .01 |
| Doctoring a Doctor (English only) ............ | .02 |
| An Open Letter to a Rabbi (English only) .... | .05 |
| Thirty-Three Prophecies Fulfilled in One Day (English only) .......................... | .05 |
| An Astonishing Yom Kippur Prayer (English only) .......................... | .05 |

If you cannot afford to pay the price marked for any tract that you wish, just say so in your letter and we will send it to you without cost.

**AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, INC.**
**27 Throop Avenue B'klyn, N. Y.**

"והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחבורתו נרפא לנו — כלנו כצאן תעינו איש לדרכו פנינו וד' הפגיע בו את עון כלנו" — ישוע המשיח. (ישעיה נ"ג)

טענס געפינען מיר, אז אין די אַמאָליגע אַלטע צייטען איז דער שופר (טרומפּעטער) געווען אַ זעהר וויכטיגעס אינסטרומענט וואָס מ'האָט זעהר אָפט באַנוצט. מ'האָט מיט'ן שופר צוזאַמען גערופען די געמיינדע און דערמיט די פערזאַמלונג געשלאָסען. מ'האָט אויך מיט'ן שופר אַלאַרמירט אַ דראָהענדעס געפאַהר. בעזאָנדערס האָט מען מיט'ן שופר אָנגעוויזען. אַז מ'האָט אין יענעם יום טוב דאָס קרבן חטאת שוין מקריב געווען. אַזוי איז עס אויך מיט'ן שופר־בלאָזען וואָס גאָט האָט געהייסען בלאָזען און פייערען אַלס אַ יום תרועה אין חודש תשרי כדי אידען אָנצוזאָגען אַז זיי זאָלען תשובה טהון ווייל באַלד קומט אָן אַנדערער יו"ט וואָס גאָט האָט אונז געגעבען באַלד דאָרט אין 27טען פּסוק, נעמליך דעם יום כפּור אַז דורך תשובה און חרטה וועט אונז גאָט פארגעבען אונזערע זינד.

דאָס וואָרט "זכרון תרועה" געהט אָבער אויך אויף דער צוקונפט, אַז גאָט וועט אונז ווידער צוריק ברענגען אין לאַנד פון אונזערע אָבות אברהם יצחק ויעקב. אַז ער וועט אונז אויפס ניי דאָרט עטאַבעלירען (מעגליך נאָך פריהער ווי מיר קענען עס זיך פאָרשטעלען) און ער וועט דאָרט איבער אונז רעגירען. דאָרט וועט ער אונז געבען אַ נייעם יום כפור אַזוי ווי מיר לעזען אין זכרי' י"ב. "ושפכתי על בית דוד ועל יושב ירושלים רוח חן ותחנונים והביטו אלי את אשר דקרו . . . ." דאָס הייסט, — גאָט זאָגט — איך וועל אויסגיסען איבער'ן הויז פון דוד און איבער די איינוואוינער פון ירושלים דעם גייסט פון חן און פון געבעט און זיי וועלען צו מיר ארויפבליקען צו איהם וואָס איז צושטאָכען געוואָרען פאַר אונזערע זינד דאָס הייסט, די גאַנצע נאַציאָן אונזערע וועט טרויערען איבער יענער זינד וואָס מיר זענען בעגאַנגען געגען דעם בן אלהים, ישוע המשיח, וועמען מיר האָבען פאַרוואָרפען און באַשמוצט. און ווייל דער שטן וויל דאָך נישט אַז אידען זאָלען געהאָלפען ווערען, פאַרבלענדט ער ווידער אונזערע אויגען אַז מיר זאָלען אין דעם חדש תשרי נאָר זעהן אַ ראש השנה אָבער כמעט לגמרי נישט פאַרשטעהן דעם „יום תרועה" וואָס האָט צו טהון מיט דעם היילִיגען משיח וועמען דער שטן האַסט אַזוי זעהר, וויסענדיג אַז ווען דער משיח וועט קומען וועט דער שטן האָבען זיין גרויסע מפּלה.

ער היום דרעהט דער שטן אוועק דעם אידענס געדאַנק פון ישוע המשיח אַז ער זאָל וואָס־וועניג וויסען פון איהם און אָבציהען די גאולה פון אידישען פאָלק. דורך ישוע המשיח וועלען מיר אויך קענען פריי ווערען פון דער „עת צרה" וואָס עס וועט נאָך קומען אויף ישראל באחרית הימים אַזוי ווי עס הייסט „עת צרה הוא ליעקב וממנה יושע". יענע עת צרה האָבען די וואָרצלען שוין אָנגעהויבען צו שלאָגען, נעמליך דורך די שרעקליכע אידישע פאַרפאָלגונגען איבעראַל אין דער וועלט. און ווי מיר זעהן ווערט עס טאָג טעגליך אימער טרויריגער און שרעקליכער, מעהר פאַרוואָלקענט און פאַר'צרה'ט.

אידישע פיהרער האָבען אַמאָל געבעטען אַז ישוע המשיח זאָל זיי געבען אַ צייכען אויף דעם וואָס ער האָט זיי דאַמאָלס געזאָגט. האָט ער זיי געענטפערט: אין אָבענד זאָגט איהר, עס וועט אַ שעהנער טאָג ווערען ווארן דער הימעל איז רויט. און אין דער פריה זאָגט איהר אַז עס וועט היינט זיין אַ שטורם ווייל דער הימעל איז טריב. איהר הייכלער, איהר קאָנט פאַרשטעהן דאָס אָנזעהן פון הימעל. אָבער די צייכען פון די צייטען קאָנט איהר נישט פאַרשטעהן! (מתתיהו ט"ז, 3,2)

ליעבער לעזער, ווילט איהר נישט דיעזען וויכטיגען ענין לעזען מיט הארץ און פאַרשטעהן אָט טאַקע איצט ווען אידען געהן דורך אַזאַ טראַגישע צייט אין אידישער געשיכטע? איז עס נישט מעגליך אַז היטלער מיט זיינע בלוט־הינד וועלכע האַסען דעם איד, בתכלית השנאה, אַז רומעניע מיט איהר שנאה צום איד נאָך פון עמלק אָן, און אַז רוסלאַנד מיט איהר סיסטעם ביסלעכווייז אויסצוראָטען אַלע איהרע אידען, אַז אַלע דיעזע ערפאַהרונגען זיינען ווי אַ קול שופר געבלאָזען ביי גאָט אַליין, רופענדיג; "התעוררי" איד וועק זיך אויף כי בא אורך, ווייל דיין ליכט איז שוין געקומען, דאָס „אור המשיח"" שיינט שוין איבעראַל! עס איז נאָך נישט צו־שפּעט, ליעבער פריינד, היום, זאָל עס זיין היינט „אם בקולו תשמעו", אַז איהר וועט נאָר איהם צוהערען קאָן די ישועה שוין היינט צו אייך קומען.

---

## תשליך

1.

דער איד לויפט די זינד אָבוואַשען
אין זיינע אויגען איז אַ טרעהר
ער טרייסעלט אויס די טאַשען
די זינד זאָל איהם נישט פּלאָגען מעהר.

2.

אַלץ איז דאָרט אין וואַסער שטראָם
חטאים ופשעים גאַנצע פּעק . . .
דאָך בלייבט אויף זיין הארץ
אַ גרויסער שוואַרצער פלעק.

3.

דער טייך רוישט, ער איז ברוגז
— אוועק געהט פון מיר אידען . . .
ניט טרייסעלט אייערע קעשענעס
לאָזט אָב, לאָזט מיך צופרידען.

4.

נישט דאָס וואַסער קאָן אייך העלפען
נייערט דאָס בלוט פון משיח . . .
ער האָט עס פאַרגאָסען פאַר אייך
שטעהט ניט, לויפט צו איהם גיך.

5.

נור ישוע המשיח
קאָן אייך באַפרייען אַצינד
ווייל ער האָט טייער בעצאָלט
פאַר אַלע אייערע זינד . . . (ישעיה נ"ג)

## מיר זענען צוויי און צוואַנציג

ווי איהר זעהט פון אויביגען דאַטום טרעט איצט אַריין אונזער מאָנאַטס בלאַט אין 22־טען לעבענס יאָר. מיר האָפען, אַז איהר באַגריסט עס פריינדליך אין אייער הויז יעדען חודש ווען עס ברענגט אייך די בשורה טובה פון דער היילִיגער גאולה וואָס אידען דאַרפען אַזוי נויטיג האָבען.

מיר דאַנקען השב"ה פאַר דער בשורה טובה וואָס דער "רעה ישראל" האָט אייך ליעבע פריינד געברענגט אין די אַלע פערגאַנגענע יאָרען. סיי פאַר די וואָס האָבען דורכ'ן לעזען אונזער בלאַט אויך אָנגעהויבען צו גלויבען אין ישוע המשיח און סיי פאַר די וואָס לעזען עס מאָנאַטליך און וועלען אי"ה במהרה בימינו געהאָלפען ווערען מיט אַ תשועת עולמים אין ישוע המשיח ית"ש, ע"פ תורת משה והנביאים.

דער "רעה ישראל" טהוט דערמיט אויף אַ דרייפאַכע ארבייט. ערשטענס ברענגט ער אידען פּנים אל פּנים מיט זייער גואל דעם משיח וואָס איז פון תמיד אָן געווען זייער האָפנונג, נאָר דער איד האָט נעביך קיינמאָל נישט געוואוסט ווער ער איז? צווייטענס העלפט דער "רעה ישראל" אויפהויבען דעם אידענס שלייער כדי זיי זאָלען קאָנען זעהן דעם זיך זעלבסט טיעף אין זינד און דורך ישוע המשיח קענען זיי פריי ווערען פון אַלע איבערטרעטונגען אַזוי ווי עס הייסט "וד' הפגיע בו את עון כלנו". (ישעיה נ"ג) און דריטענס כדי אידען אַרויס צו נעמען פון זייער טעות, וואָרטענדיג נאָך אַלץ אויף דער גאולה, וועלכע איז שוין לאַנג געקומען.

דער "רעה ישראל" האָט אויך פיעל אויפגעטהון אַז פיעלע פון די ניט־אידען זאָלען זיי ליעבען אַלס גאָטעס פאָלק פון וועלכע דער היילִיגער גואל איז אַרויס געקאָמען.

מי יתן והיה, אַז כל ישראל זאָלען גלויבען אין איהם און דאָס די גאולה זאָל זיין אַ געמיינשאַפטליכע, אַלע זאָלען דורך איהם געהאָלפען ווערען. אידען האָבען שוין אַ סאַך געליטען און דאַרפען שוין געהאָלפען ווערען.

מיר האָפען בעהש"י אויך ווייטער דאָס בלאַט אייך מאָנאַטליך צו צושיקען עס זאָל אייך אויך ווייטער ברענגען די שמחה אין אייער הערץ, אַז אָט, אָט, קומט ער צום צווייטען מאָל אַלס מלך ביופיו.

---

## וואו איהר קאָנט בעקאָמען דעם רעה ישראל

ברוקלין, נ. י.: בית שר שלום, 27 טרופּ עוועניו. פילאדעלפיא פּאַ : מר. האררי בוירגען, 717 וואַלנאַט סטריט. פּיטסבורג, פּאַ.: רעוו. דזשאָן סאָלאָמאָן, 1603 סענטראל עוועניו. שיקאַגאָ, אילינאָי: רעוו. סאָלאָמאָן בירנבאום. 316 סטענלי פּליים. לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.: רעוו. ע. צימערמאַן, 2005 ברוקלין עוועניו, קאָלומבוס אָהייאָ: רעוו. אָסקאַר וואגא, 712 סוט העיג עוועניו. סידני אָסטראַליען רעוו. ג. ע. ארדיל, 145 קאָמאָנוועלטה סטריט. ווארשא, פּוילען: רעוו. משה גיטלין, טארגאָווא. 15, מ. 4. ירושלים פּאַלעסטינא: רעוו. פרענק בוטהבי, גאספּל גייט. רוסישער קאָמפּאונד פּאַריז, פראַנקרייך: רעוו. העגרי ווינסענט, 123 דאַמעין עווע. באָפאַלאָ נ. י. רעוו. א. ב. מאָכלין 206 נאָרטה פּאַרק עווע.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רועה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price
50 Cents a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. XXII, No. 1
SEPTEMBER, 1939


## ישראל, וואך-אויף!

### דער שופר וועט זיך באלד לאזען הערען.

דער אידישער ראש השנה איז נישט גאטס ראש השנה. אידען האבען זיך פארפלאנטערט מיט'ן דאטום און פארדרעהט גאטס ווארט.

א טאקע, וואס און ווען איז ראש השנה? מיר פרעגען דאס נישט חלילה, ווייל מיר ווייסען דאס נישט, נייערט ווייל מיר זענען שטארק אין ספק אויב די ווערטהע לעזער ווייסען דאס, און מיר ווילען זיי דאס געניי ערקלעהרען דורך דעם ווארט גאטעס. מיר וועלען דא באלד איינזעהן דעם טעות וואס אידען מאכען האלטענדיג ראש השנה אין חודש תשרי ווייל גאט האט קיינמאל נישט געזאגט אז אין „תשרי" איז ראש השנה.

תשרי איז דער זיבענטער חודש אין יאהר, דאס ווייס יעדער אינטעליגענטער איד, און ווען תשרי איז דער זיבעטער חודש, קאן ער דאך נישט זיין דער ערשטער חודש און דערפאר קאן דאך אין תשרי נישט זיין „ראש השנה" ווייל ראש השנה מיינט דער אנפאנג פון יאר; טא פרעגען מיר, פארוואסזשע פייערען אזוי פיעל אינטעליגענטע און געבילדעטע אידען זייער ראש השנה דוקא אין תשרי; — ווייל די רבנים הייסען אזוי טהון? גאט הייסט דאך אבער האלטען ראש השנה אין ערשטען חודש, וואס איז ניסן, און מיר האבען דאך א קימא לן אז דברי רב ודברי תלמיד דברי מי שומעין?

מיר ווילען דעם ענין געניי בעטראכטען און פארשטעהן —

אין שמות קאפ. 12 לעזען מיר: „החדש הזה לכם ראש חדשים ראשון הוא לכם לחדשי השנה". ד"ה, דיזער חדש (ניסן) זאל זיין צו אייך דער „ראש" פון די חדשים ער זאל זיין צו אייך דער ערשטער פון די יעהרליכע חדשים. „ראש" מיינט תמיד דער אנפאנג און אזוי אויך ראש השנה מיינט דער אנפאנג פון יאר. דערפאר קאנען מיר ע"פ שכל אנדערש נישט דענקען ווי אז אין ניסן וואס איז דער ערשטער חודש, דארף זיין ראש השנה. אזוי זאגט גאט! טא פארוואס האלטען אידען ראש השנה אין תשרי וואס איז דער זיבעטער חודש? טא געהט פרעגט די רבנים.

## דער סוד פון דער גאולה

עס איז געוועזן אין ניסן אז גאט ב"ה האט אויסגעלעזט אידען פון גלות מצרים. דאס איז געשעהן דעם 14טען טאג אין ניסן, כחצות הלילה, אז דער מלאך המשחית איז דורך געגאנגען דאס לאנד מצרים און האט אויסגע'הרג'עט יעדען בכור פון יעדען הויז וואו עס איז נישט געוועזן אויף דער מהיר געשפריצט דאס בלוט פון דעם לעמעלע וואס איז געקוילעט געווארען פאר א קרבן פסח. פרעה, וועמעס בכור האט אויך מיאוס אבגעשניטען האט זיך זעהר דערשראקען און האט געשיקט נאך משה און אהרן און זיי געזאגט „קומו" געהט ארויס פון אונזער לאנד, געהט!

דאמאלס איז א נייע נאציאן געבוירען געווארען, נעמליך, די אידישע נאציאן וועלכע איז אויסגעלעזט געווארען „ביד חזקה ובזרוע נטויה" און איז געווארען פריי פון שקלאפעריי. יענע גאולה — ווי מיר זעהן — איז צושטאנד געקומען דורך בלוט. גאט האט דאמאלס גענומען אן אונציוויליזירט פאלק און געמאכט פאר א פריי פאלק און ער האט זיי געגעבען די הייליגע תורה אויפ'ן בארג סיני. אבער געדענקט ליעבע לעזער, אז בעפאר ער האט דאס געטהון האט ער זיי צוערשט געמוזט געבען די גאולה.

יא צוליעב דיעזער גרויסער „גאולה"-עראייגניס האט הקב"ה געזאגט צו משה'ן „החדש הזה לכם ראש חדשים", אט דיעזער חדש זאל זיין צו אייך דער אנפאנג פון די חדשים (ראש השנה) אנהויבענדיג פון דיעזען חדש אין וועלכען דאס גרויסע נס איז געשעהן, די גאולה איז צושטאנד געקומען. דערפאר זאגען מיר, אז ווען אידען איבערשטופען דעם ראש השנה פון ערשטען חדש צום זיבעטען חדש, פון ניסן צו תשרי, איז עס אן אומפערצייליכער טעות ווייל גאט האט אונז געהייסען פייערען ראש השנה צום אנדענק פון די גאולה וואס איז געוועזן אין חדש ניסן דערפאר דארף אויך ראש השנה זיין אין חדש ניסן. אבער נישט אין זיבעטען חדש, אין תשרי. טא פון וואנעט נעמט זיך דער טעות? די אנטווארט שטעקט אין א י י ן ווארט —

## ש ט ן

דער שטן געהט תמיד מיט זיין פינסטערען כח געגען גאטס רצון כדי צו פארפירען מענשען און זיי אנצורעדען נישט צו פאלגען גאט ב"ה. אט דער מיזעראבעלער שטן האט פון תמיד אן צוגערעדט מענשען צו זינדיגען געגען גאטס ווילען. דערזעלבער שטן האט אונז אבגעשפיעלט א בלוטיגע חתונה פאר איינִיגע יאר צוריק און זייט דאמאלס האלט מען נאך אין איין שלאגען און איין טרייבען אידען פון ארט צו ארט. גאט ליעבט אבער זיין פאלק ישראל. ער האט זיי דאמאלס אויסגעלעזט פון גלות מצרים און זיי געברענגט די גאולה און ער וויל זיי אויך איצט ברענגען די גאולה דורך ישוע המשיח. איינסטווייל האט דער שטן אנגעצינדען א פייער פון שנאה געגען אונז איבעראל אין דער וועלט, און דאך געהט דער איד מיט'ן שטן האנד אין האנד ווי עפעס צוויי אלטע גוטע פריינד, דער שטן הייסט נישט גלויבען אין ישוע המשיח זאגט דער איד: אמן.

## יום תרועה

גאט האט אונז אבער אויך געגעבען א יו"ט צו פייערען אין תשרי. נישט א ראש השנה נייערט א זכרון תרועה. אין ויקרא כ"ג, 24 זאגט גאט: „בחדש השביעי באחד לחדש יהיה לכם . . זכרון תרועה מקרא קדש". ד"ה, אין זיבעטען חדש זאלט איהר האבען אן אנדענק פון שופר בלאזען. אט דאס איז וואס גאט האט אונז אנגעזאגט צו האלטען אין זיבעטען חדש אין תשרי. א יום תרועה, א טאג וואס מ'בלאזט שופר. אויך דאס האט צו טהון מיט'ן שטן, ווייל דער שטן האסט דעם געדאנק פון שופר בלאזען, ווייל ווען משיח וועט קומען וועט מען הערען דעם שופר של משיח אנזאגענדיג אז משיח קומט. דערפאר האט דער שטן אזוי פערטאטשקעט די מחות פון אידען אז זיי זאלען לגמרי נישט ווייסען די בעדייטונג פון שופר.

מיר מוזען נישט צוריק געהן צו אונזער וויי־טער היסטאריע כדי עפעס אויסצוגעפינען וועגען שופר, מיר קאנען עס אויך אויפפאסען און פארשטעהן פון דער געגענווארט. ווען מיר הערען אז א גרויסע פערזענליכקייט געהט רעדען צום עולם, הערען מיר צוערשט די טרומפעטערס בלאזען, אויפמערקזאם צו מאכען אז באלד קומט אויף דער סצענע די און די גרויסע פערזענליכקייט. צוויי-


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as Second Class Matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Accepted for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, act of October 3, 1917. Authorized December 30, 1937.